# מיט א טיפערן בליק

## פרשת ראה תשפ"ו

## עפעס נייעס!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן אצינד אין פרשת ראה, משה רבינו רעדט צו כלל ישראל און זאגט, "רְאֵה" זעה, קוק דיך אום און זיי זיך מתבונן אין דעם וואס איך לייג פאָר פאַר אייך היינט, "אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה". יעדער איד האט א בחירה און קען אויסוועלן, אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, ווען מען היט תורה ומצוות איז מען זוכה צו ברכה. און חלילה פארקערט, וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, אויב מען וועט נישט פאלגן די תורה ומצוות, וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם, נאר מ'וועט זיך ח"ו אפקערן פונעם ריכטיגן וועג און גיין נאך עבודה זרה.

איז ערשט לאמיר מדייק זיין וואס באדייט די לשון "רְאֵה - זעה"? לכאורה, דער ענין פון ברכה וקללה איז נישט קיין זאך וואס מ'קען עכט זעהן מיט די אויגן, ס'איז עפעס וואס מ'קען אפשר הערן, אדער זיך מתבונן זיין און פארשטיין; אויב אזוי פארוואס נוצט משה רבינו א לשון פון רְאִיָּה און זעהן?

נאך קען מען מדייק זיין, ווען די תורה ערקלערט וואס באדייט קללה אויב מ'וועט נאכגיין עבודה זרה ח"ו, שטייט אין פסוק "לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם" איר וועט נאכגיין פרעמדע אפגעטער וואס איר קענט זיי נישט, [פשוט פשט מיינט 'אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם' אז מיר ווייסן נישט אז די אפגעטער האבן עפעס א כוח אין זיך. ווי **רש"י** ברענגט אין פרשת נצבים אויפן פסוק (כ"ט כ"ה) אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּם - "לא ידעו בהם גבורת אלהות" איר ווייסט נישט קיין שום ספעציעלע שטארקייט און כוח צו די עבודה זרות, און דאָך וועט עטס נאכגיין די פרעמדע אפגעטער]. מיר ווייסן דאָך אז יעדע ווארט אין די תורה איז אויסגערעכנט, וואס וויל די תורה ארויסברענגען מיט דעם אז דאס זענען אפגעטער וואס מיר ווייסן נישט זייער כוח? למאי נפקא מינה וואס מיר ווייסן און וואס מיר קלערן דערוועגן, וואס גיבט עס צו צום ענין דאס אז די עבודה זרה איז 'אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם'?

### צומאל דארף מען פשוט טוישן די אייגענע אויגן

אנצופאנגען אונזער שמועס וועלן מיר מקדים זיין א טרעפליכע נקודה וואס עס האט אונז אמאל דערציילט א יונגערמאן וועלכער האט זיך היבש געפלאָגט מיט זיין שלום בית און צופרידנקייט אין לעבן. ער האט שטענדיג געשפירט א געוויסע אומעטיגקייט, א געוויסע פאַרלאָשנקייט, זאכן האבן נישט געקלאפט ביי איהם אין שטוב, ער האט נישט געהאט קיין געהעריגע שפראך מיט זיין בני בית, ער האט נישט געהאט קיין שמחת החיים אין זיין טאג טעגליכע לעבן. הכלל, נאכ'ן זיך אדורכרעדן מיט פארשידענע מענטשן איז ער געקומען צו א החלטה אז ער דארף א טויש. ער מוז ארויספאָרן אויף א גוטן פלאץ, צוזאמען מיט די משפחה, אויף פרישע לופט, מיט א שיינע אויסקוק, א שיינע וועטער, דאס וועט משפיע זיין אויף איהם, און דער טויש וועט געוויס אריינברענגען א חיות א שמחה און א פרישקייט.

אומר ועושה, ער פאַקט זיך די פעק, ער פאָרט ארויס מיט'ן ווייב צו עפעס א ספעציעלע פלאץ, און זיי קומען אָן צו זייער שיינעם האטעל צימער. ארום און ארום זענען געווען גאר שיינע בערג, א הערליכע פאנאראמע, קלארע לופט, און ס'איז טאקע געווען גאר געשמאק. אבער ווי נאר ס'גייט אדורך צוויי דריי שעה און זאכן הייבן אָן צו ווערן א געוואוינהייט, האט ער צוביסלעך אנגעהויבן צו שפירן ווי די אלטע הרגשים קומען איהם צוריק.

ווי די וועלט זאגט א ווערטל, איינער האט אמאל געזאגט, "איך וואלט שוין לאנג געפארן אויף וואקאציע, אבער איך ווייס דאָך אז 'איך' אליינס קום דארט מיט, איז וואס האב איך פון פאָרן? איינמאל איך בין דארט, איז עס שוין גארנישט ווערד". דאס זעלבע האט אונזער יונגערמאן אנגעהויבן צו שפירן אז 'ער' איז מיטגעקומען, דאס הייסט ער מיט אלע זיינע געוועינליכע געפילן און פראבלעמען פון אינדערהיים, אלעס געפונט זיך ווייטער דא. די שפראך איז גארנישט געווארן בעסער, די אטמאספערע צווישן איהם און זיין ווייב איז נישט געווארן שענער...

זיין מצב האט איהם געמאכט אסאך טראכטן, און ער האט אנגעהויבן אריינצוקלערן טיף אינעם ענין. וואס גייט דא פאָר? ענדליך האט ער שוין געמאכט א טויש, ער האט שוין געמאכט השתדלות, פארוואס ווערן זאכן נישט בעסער?

ביז ער איז געקומען צו די מסקנא אז ער דארף נישט קיין נייע מקום, סביבה, פאנאראמע, אדער לופט. **ער דארף סך הכל איין זאך, ער דארף 'נייע אויגן'. אויב ער וועט טוישן זיין אויגן, זיין בליק, דעמאלטס וועט אלעס ארום איהם טאקע ווערן ניי!** דאס הייסט, אנשטאט בלייבן דער זעלבער אלטער מענטש און גיין אויף נייע פלעצער, וואס דאס טוט גארנישט אויף, איז בעסער אז מ'בלייבט אויף די אלטע פלאץ, אבער מ'טוישט זיך אויגן, מ'נעמט א נייע בליק, מ'הייבט אָן צו קוקן אויף זאכן אנדערש, מ'לעבט מיט התבוננות, מיט מחשבה, מ'הייבט אָן צו זען די חידוש און שיינקייט וואס יעדע זאך פאַרמאָגט, די גוטסקייט פון יעדע זאך. דאס איז אסאך מער ווערד, און איז די בעסטע טויש וואס א מענטש קען נאר מאכן.

### די מענטשהייט זוכט כסדר פרישע חידושים

דאס איז גאר א שטארקע און וויכטיגע יסוד וואס נעמט ארום כמעט יעדער פון אונז און אונזער לעבן. בפרט בזמנינו אלה, היינטיגע צייטן לעבן מיר אין א וועלט וואס דרייט זיך שטענדיג ארום 'עפעס נייעס'. עס איז א געוויסע סארט אַויר און אטמאספערע וואס די גאַס האט אריינגעברענגט אין אונזער מציאות, אז דער נפש לעכצט כסדר פאר עפעס נייעס. ווען מיר רעדן פון נייעס מיינט מען נישט דווקא וועלטליכע נייעס וועלכע ווערן געדרוקט אינעם צייטונג, נאר מיר רעדן פונעם געיעג פאר עפעס פריש, עפעס א נייע זאך, א התחדשות, אין יעדע ריר פון אונזער לעבן.

אז מיר וועלן אריינקלערן וועלן מיר באמערקן ווי אין אונזער היינטיגע וועלט איז די מענטשהייט אין א שטענדיגן גאַלאָפּ נאך נייעס אין עסן, טרינקן, אין די

'עקספיריענסעס' וואס מען לעבט, אין די טעמים וואס מיר זענען טועם, אין די הרגשים וואס מיר שפירן. יעדע עדווערטייזמענט שטעלט פאָר נייע חידושים, נייע מאכלים, נייע סטיילס, נייע מאשידנדלעך און טעכנעלאגיע, נייע מקומות, וכהנה וכהנה. ביי טייל מענטשן גייט עס אזוי ווייט אז זיי דארפן כסדר א נייע געזעלשאפט, א פרישע חברה, זיי זענען קיינמאל נישט צופרידן צו לאנג אויף איין אָרט.

אצינד, די סיבה פארוואס דער מענטש זוכט כסדר צו האבן עפעס ניי, איז גאנץ פשוט, וויבאלד דאס גיבט איהם א געוויסע סארט איינרעדעניש און האפענונג אויפן עתיד. זיין יעצטיגע מצב איז שוין אביסל 'צוגעגעסן' ביי איהם, עס פעלט איהם צופרידנקייט און שמחה, טראכט ער ביי זיך, אה, דאס איז עס! ווי נאר איך וועל האבן די נאך איין זאך, כ'וועל מיך איינהאַנדלען יענע נייע זאך דעמאלטס וועל איך זיין מסודר! ער קלערט אז נאר דאס פעלט איהם אויס צו זיין שלימות און צופרידנהייט. און אזוי איז דער מענטש פאַרנומען די גאנצע צייט צו לויפן ווייטער, מיינענדיג אז 'דארט' וועט איהם גוט זיין, און 'דעמאלטס' וועט ער זיין רואיג און צופרידן. ווי מיר האבן שוין גערעדט פון דעם עטליכע מאל, ווי עס דאַכט זיך פארן מענטש אז זיין שליסל צו שמחה געפונט זיך אין עפעס וואס ער האט נישט יעצט.

**די צוויי וועגן פון התחדשות**

אז מיר וועלן זיך מתבונן זיין מיט א טיפערן בליק אינעם ענין פון התחדשות, וועלן מיר דערהערן אז למעשה זענען פארהאן צוויי וועגן פון התחדשות. ס'איז טאקע דא די אויבערפלעכליכע שינויים און טוישונגען וואס ברענגען פשוט נייע מציאות'ן צום טיש ווי מיר האבן פריער דערמאנט, למשל ווען דער מענטש שאַפט זיך א נייע פראדוקט, א נייע device, א נייע שפילצייג, אדער ער געפונט א נייע חברה, א נייע סביבה, א נייע קאנטרי, דאס זענען די פשוט'ע נייעס וואס מענטשן זוכן כסדר.

אבער עס איז דא א פיל טיפערע און העכערע סארט נייעס וואס איז שייך צו האבן. עס איז פארהאן א מציאות ווי אלעס בלייבט די זעלבע, דער מענטש בלייבט ווייטער ארומגענומען מיט זיין סביבה, מיט זיינע מענטשן, מיט זיינע חפצים, און זיינע אמאָליגע געוואוינהייטן, נאר זיין צוגאנג צו די אלע זאכן ווערט געטוישט. דאס הייסט, אלעס איז טאקע די זעלבע ווי אמאל, אבער דער מענטש האט זיך געטוישט! ווי מיר האבן פריער דערמאנט אין די מעשה פונעם יונגערמאן - אז דער מענטש קען טוישן זיינע אויגן, ער קען טוישן זיין גאנצע בליק, זיין קוק ווינקל, זיין פאַרשטאַנד און געפיל.

לאמיר שפאַנען א טריט ווייטער און אריינקלערן, וועלכע פון די צוויי איז די אמת'ע און בעסערע סארט 'נייעס' וואס ברענגט תכלית און צופרידנהייט פארן מענטש? וועלכע איז די אויסגעהאַלטענע נייעס וואס מיר דארפן זוכן? עס איז פשוט וברור אז דאס זוכן די פיזיש נייע זאכן, טוישן די געוואוינהייטן און חפצים אין אונזער לעבן, איז על פי רוב נישט מער ווי עצת היצר, דער יצר הרע זוכט צו פאַרשפילן דעם מענטש און איהם איינרעדן אז ער דארף נאר עררייכן דעם טויש און יענעם טויש און נאכדעם וועט שוין אלעס זיין גוט, און דערמיט וואַרפט ער אריין דעם מענטש אינעם אייביגן לויף צו זוכן דעם חידוש וואס וועט איהם שוין ענדליך מאכן צופרידן...

אדרבה, לאמיר זיין אויפריכטיג און זיך אליינס פרעגן, וויפיל פון די אמת-וויכטיגע און חשוב'ע זאכן אין לעבן קען מען בכלל האבן א נייע דערפון? טוישן חפצים און געוואוינהייטן זענען בעיקר נוגע ביי קליידונג, שפילצייגן, עסנווארג, און באשעפטיגונגען, (צומאל קען אפילו געלונגען צו האבן א נייע הויז וכדומה, וואס איז שוין יא א מער ערנסטע זאך) אבער נישט מער פון דעם.

די וועג וויאזוי השי"ת האט אויסגעשטעלט די בריאה איז אז רוב פון אונזערע עכטע זאכן קענען מיר ניטאמאל טוישן, עס איז נישט דא קיין נייע פון זיי... אונזער אידישקייט, אונזער תורה און תפלה, א שבת ויום טוב, אונזער משפחה און קרובים, אונזער שטוב, פון דעם קען מען נישט באשטעלן אנדערע אדער נייע. ביי די אלע זאכן איז נאר מעגליך זיך איינצוהאַנדלען עפעס נייעס בלויז דורך טוישן די אייגענע אויגן און די געפילן דערצו. דער מענטש קען זיך מאכן גליקליך און צופרידן דורך אויפמאכן זיינע אויגן און זוכן צו טרעפן נייע נקודות און מעלות אין די זאכן וואס ער האט שוין סיווי.

דער יצר הרע וויל אבער נישט אז דער מענטש זאל אנקומען צום אמת'ע תכלית אין לעבן, ער וויל פאַרמיידן פון איהם די עכטע צופרידנהייט, דעריבער וועגדט ער אָן אלע מיטלען אז דער מענטש זאל נישט טוישן זיינע אויגן און געפילן צו די זאכן וואס ער האט. אנשטאט דעם רעדט ער איהם כסדר איין אז ס'איז דא עפעס א גרינגע וועג צו ווערן צופרידן דורכ'ן זיך איינהאַנדלען פארשידענע חיצוניות'דיגע סארט התחדשות אין די אלע מינדערוויכטיגע זאכן אינעם לעבן וואס זענען בכלל נישט וויכטיג. ער מאכט דעם מענטש לייגן זיין עיקר געוויכט אויף די נאַרישקייטן און קלייניגקייטן, אז זיי זאלן פארנעמען ביי איהם א גרויסע און וויכטיגע אָרט, וויבאלד דארט מיינט דער מענטש אז ער טרעפט סיפוק און פרישקייט. און אין די זעלבע צייט זאל ער טאקע נאכלאזן פון די זאכן וואס זענען באמת די עיקר אין לעבן, ווייל יענע זאכן זענען טאקע 'צוגעגעסן' און אלט און ער קען נישט געפונען אין דעם קיין פרישקייט.

**עס איז וויכטיג צו געדענקן אז די זאכן וואס זענען בעצם די גרעסטע ברכות אין לעבן זענען קיינמאל נישט דראַמאַטיש, קיינמאל נישט גרויס!** די אלע מתנות וואס דער רבוש"ע שענקט פאר א מענטש אויף די וועלט קוקן צומאל אויס קליין און פשוט אין זיינע אויגן. די אלע זאכן אויף וואס א איד דאווענט און בעט און פארגיסט טרערן אונטער זיין חופה, דאס ווערט שפעטער ליידער אזוי 'נישט אינטערסאנט' אין זיינע אויגן, עס ווערט א געוואוינהייט און א פאַקט אין לעבן וואס איז כמעט ווי פאַרשלאָפן ביים מענטש, טאקע ווייל דארט געפונט ער נישט קיין חיצוניות'דיגע התחדשות און התרגשות, שפירט ער נישט די גרויסקייט און שיינקייט דערפון.

**זוכן טיפער אין דאס וואס מיר האבן יא**

יעדער פון אונז איז ב"ה ארומגענומען מיט אזויפיל ברכה וואס דער אייבישטער האט איהם געשאָנקן, יעדער אויף זיין אופן און זיין מאָס. וויפיל פון אונז האבן געזוכט צו געפונען א פנימיות'דיגע התחדשות אין אונזער בליק אויף די אלע גוטע זאכן? זאל עס זיין דיין בני בית, דיינע קינדערלעך, דיין שטוב, דיין פרנסה דיינע לימודים, דיינע חברים, דיין טאטע מאמע און משפחה. וויפיל פון אונז זענען זוכה צו זאגן "ווייסט, דעם זומער האב איך געכאפט עפעס א נייע חידוש אין מיין שלום בית, א נייע פרישקייט אין מיין דאווענען, א נייע התחדשות אין מיין לערנען, עפעס א נייע דערהער אין כיבוד

אב ואם, א נייע פאַרשטאַנד אויף מיינע קינדערלעך... עפעס א נייע געדאנק, איך פארשטיי זיי בעסער... איך כאפ עס יעצט, און ס'איז ממש א התחדשות, ווייל פון דעם פלאץ פאַנג איך אָן ממש פון פריש, איך האב ווי באקומען א נייע מתנה". הלואי ווען מיר וואלטן געהאט די שכל דאס צו אנערקענען און טוהן אויף למעשה. וויפיל זאכן אין אונזער לעבן וואלטן מיר געקענט טוישן אזוי. **די זאכן וואלטן זיך נישט געטוישט, אבער מיר וואלטן זיך געטוישט און געווארן ווי ניי.**

אבער ווי געזאגט, דער יצר הרע לאזט עס נישט צו, ער וויל נישט אז מיר זאלן האבן א לעבן פון תענוג און געשמאק, און דעריבער שלעפט ער אוועק דעם מענטש פון מאכן אט די סארט חשבונות און החלטות.

דערפאר קען מען באמערקן אז צדיקים און דערהויבענע אידן האבן אייביג א פרישקייט, ביי פילע אידן מבקשי השם דערקענט זיך א אינערליכע סיפוק און צופרידנקייט אין זייער טאג טעגליכע לעבן, און זיי זענען נישט פאַרנומען מיט'ן שטענדיגן לויפן נאך נייע חידושים און הבלי עולם הזה. אדרבה, ביי זיי זעהט מען אז די טאג טעגליכע חינוך הבנים איז די גרעסטע שמחה, זייער שלום בית, זייער בין אדם לחבירו, זייער שבת טיש, אפגערעדט פון זייער לערנען און דאווענען וועלכע טראגט א הערליכע צורה.

די סיבה דערצו איז ווייל זיי האבן שכל צו טרעפן התחדשות אין די טאג טעגליכע מהלך החיים. זיי לעבן מיט התבוננות און מחשבה, און ווערן נישט געטריבן דורך גשמיות'דיגע חידושים. זיי געפונען נייעס און פרישקייט אין די זאכן וואס זיי טוען יעדן טאג.

די זעלבע איז מיט א אידישע מאמע וואס האט די ריכטיגע בליק אין לעבן, דאן קען צומאל זיין אז קאכן א פשוט'ע וואָכנדיגע נאַכטמאָל שפירט זיך ביי איר ווי די גרעסטע תענוג און הנאה וואס א מענטש קען נאר האבן אויף די וועלט. ווער רעדט נאך ווען ס'קומט צו קאכן פאר שבת אדער יום טוב, אדער פאר סיי וועלכע חשוב'ע מאורע. די שמחה און הנאה קומט נישט דווקא פון א נייע רעצעפט אדער א נייע טאפ (דאס איז אויך גוט אמאל, פארשטייט זיך) נאר פון די הבנה און בליק אויף די גאנצע זאך, ווען זי קלערט אז זי וועט געבן צו עסן פאר אירע לעבעטיגע קינדער, זי וועט זיי אנזעטיגן מיט הארץ און געפיל, זי וועט זעהן זייערע גליקליכע פענימ'ער און שמייכלעך.

אזוי אויך ווען זי וואַרט אפ די קינדער ביים אהיימקומען פון חדר און שולע, ווען זי הערט זיי אויס, ווען זי גיבט זיך אפ מיט זיי, זי וואַשט זיי ארום און באָדט זיי אפ. ווען מען איז זוכה קען מען טרעפן אין די טעגליכע התנהגות'ן אזויפיל פרישקייט און התחדשות, אויב מען שטעלט זיך נאר אפ טראכטן אביסל און מתבונן זיין.

אבער אנשטאט דעם אלעם קומט דער יצר הרע גוט צוגעגרייט מיט פיל בעסערע פראָפּעגאַנדע. ער קומט מיט 'רוישיגע נייעס' וואס צטומלען דעם מענטש און ציען זיין נפש אויף א שטארקע פאַרנעם, ער קומט מיט די נייע סטיילס, נייע מאָדעס, נייע איידיעס, און פארן מענטש הייבט זיך אָן ערנסט צו דאַכטן אז מן הסתם דארט וועט זיין גליק. און דער אמת איז פונקט פאַרקערט, די אלע זאכן ברענגען באמת נישט קיין שום גליק, אדרבה, עס ברענגט מער דאגות, מער פרעשור, מער peer pressure, און נאך אסאך.

אבער למעשה ציען די אלע חידושים גאר שטארק, וויבאלד 'דער עולם' גייט דאָך יעצט מיט די נייע סטייל, די נייע געדאנק, 'יעדער' קויפט עס און 'יעדער' האט עס.

ווי לעבעטיג און זיס וואלט געווען ווען א מענטש שטעלט זיך אפ און אנערקענט, יא איך דארף טאקע נייעס און התחדשות, אבער עס דארף זיין דורך א נייע בליק אויף מיין שלום בית, מיין נפש דארף א נייע בליק אויף תפילה, מיין נפש דארף א נייע בליק אויף תורה, א נייע בליק אויף מיין שבת טיש. אנשטאט אנטלויפן פון וואס איך פאַרמאָג און עס ארויסלאזן פון אונטער די הענט, ווייל איך עס אנבאַפן בעסער, זיך באַקענען דערמיט טיפער און משיג זיין וואס איך פאַרמאָג. **ווייל אמת'ע קשר און פאַרשטאַנד איז נישט ווען מיר זוכן עפעס נייעס, ס'איז ווען מיר זוכן עפעס טיפער אין דאס וואס מיר האבן שוין ביז יעצט, ווען מיר טרעפן עפעס ניי אין די טעגליכע לעבן.**

### דער סוד פון בכל יום יהיו בעיניך כחדשים

די תורה הקדושה הייסט אונז אין די פרשה פון קריאת שמע (דברים ו' ו') וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ, אז די ווערטער וואס השי"ת באַפעלט דיר **היינט**, זאלן ליגן אויף דיין הארץ. וואס באדייט דער אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ 'הַיּוֹם' היינט, צו דען האט אונז השי"ת היינט באַפוילן? ערקלערט **רש"י** אויפן פלאץ, "לֹא יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּדְיוֹטְגְמָא יְשָׁנָה שֶׁאֵין אָדָם סוֹפְנָהּ, אֶלָּא כַּחֲדָשָׁה שֶׁהַכֹּל רָצִין לִקְרָאתָהּ" די רייד פון די תורה זאלן נישט זיין ביי דיר ווי אן אלטע בריוו פונעם קעניג ('דְּיוֹטְגְמָא' טייטשט רש"י דארט "מצות המלך הבאה במכתב") וואס מענטשן זענען שוין נישט מַחשיב, נאר עס זאל זיין ביי דיר ניי, כאילו עס איז היינט געקומען צו גיין א פרישע בריוו פונעם קעניג וואס יעדער לויפט עס קעגן און וויל הערן וואס דארט שטייט. אזוי שטארק דארפן די רייד פון השי"ת זיין באליבט ביי אונז אידן.

און אזוי איז טאקע באקאנט דעם לשון וואס מיר געפונען אין פילע **ספרים** בשם חז"ל "בכל יום יהיו בעיניך כחדשים" ווי עס ווערט געברענגט אין **שולחן ערוך** הלכות קריאת שמע (או"ח סימן ס"א סעיף ב') "אשר אנכי מצוך היום, היינו לומר **בכל יום יהיו בעיניך כחדשים**, ולא כמי שכבר שמע אותו הרבה פעמים שאינו חביב אצלו".

לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט, וואס איז טייטשט דער לשון, בכל יום יהיו 'בעיניך' כחדשים, פארוואס דווקא אין די אויגן? נאר לויט ווי מיר שמועסן ליגט דא א טיפע דערהער. הגם די רייד פון די תורה און קריאת שמע זענען נישט בעצם ניי, מיר האבן דאס שוין געהערט און געזאגט נעכטן און אייער נעכטן, אבער עס איז נאך אלס פאַרהאַן א וועג צו מאכן כחדשים אזוויי פרישע נייעס, וויאזוי? **"בעיניך - דורך דיינע אויגן"** דו דארפסט טוישן דיינע אויגן, טוישן דיין בליק און צוגאנג דערצו, דו דארפסט עס אנקוקן ניי און פריש, דאן וועט עס באמת ווערן בעיניך כחדשים.

### 'ראה' אנכי נותן לפניכם 'היום' ברכה

דערמיט קומען מיר צוריק צו די התחלה פון אונזער פרשה וואו משה רבינו זאגט צו כלל ישראל "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה", און מיר האבן מדייק געווען וואס איז די לשון פון ראיה, צו דען קען מען פיזיש זעהן די ברכה און קללה?

לאור האמור וואס מיר האבן דערהערט ביז אהער, קען מען ערקלערן די כוונה פון פסוק ווי פאלגענד: משה רבינו זאגט פאר די אידן, "רְאֵה" מַאךְ אויף דיינע **אויגן** און זעה, הייב אָן צו קוקן מיט א ריכטיגן בליק, און דעמאלטס וועסטו זוכה זיין צו זעהן און שפירן דעם "אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה", די גרעסטע ברכה וועט זיין אינעם היינט, אינעם טאג טעגליכן לעבן, אין אלעס וואס דו פּאַרמאָגסט און דו האסט. דו דארפסט נישט נאָכלויפן נייע זאכן פון אינדרויסן, דו דארפסט נישט האָפן אויפן בעסערן מאָרגן וואס קומט בעצם קיינמאל נישט אָן, נאר דורכ'ן טוישן דיין בליק און האבן די ריכטיגע ראיה קענסטו זוכה זיין צו די גרעסטע ברכה.

ווי ער איז ממשיך אינעם קומענדיגן פסוק, אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, אז מען וועט זוכן דעם 'הַיּוֹם' די התחדשות און פרישקייט אין תורה ומצוות, עס וועט זיין אין אונזערע אויגן ווי א 'דְּיוֹטְגְמָא חֲדָשָׁה' ווי א נייע בריוו וואס איז נארוואס געקומען פונעם קעניג און מיר ווילן זעהן דעריין נייעס און חידוש, דאס וועט זיין פאר אונז די גרעסטע ברכה וואס מעגליך.

**די טבע וועט ח"ו שטופן צום 'אשר לא ידעתם'**

אצינד לאמיר לערנען אינאיינעם א הפלא'דיגן שטיקל **תורת משה** פונעם הייליגן **חתם סופר זי"ע** אין אונזער פרשה.

דער חתם סופר איז מדייק, ביי די ברכה געפונען מיר דעם לשון אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם 'הַיּוֹם' - אז מיר מוזן הערן די רייד פון השי"ת מיט א פרישקייט כאילו זיי זענען היינט געגעבן געווארן, בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. אבער וואס באדייט נאכדעם ביי די קללה ווי עס שטייט וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם 'הַיּוֹם' וגו', צו דען ווערט מען חלילה פאַרשאָלטן בלויז פארן נישט שפירן די פרישקייט און התחדשות כאילו מיר האבן עס באקומען היינט?! עס איז דאָך משמע אז מען היט די תורה ומצוות, עס פעלט נאר דעם חלק פון 'היום' און התחדשות, וויאזוי איז דאס אליין גורם קללה?

נאך איז דער חת"ס מדייק וואס מיר האבן שוין דערמאנט אין אנהייב, וואס באדייט די ווערטער וואס שטייען ווייטער ביי די קללה "לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם" וואס מיינט דער 'אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם' וואס די תורה לייגט דא צו?

זאגט דער חתם סופר דברים נפלאים: **"ויש לומר דמטבע האנושי ותאוות כל איש לדיוטגמא חדשה ולשמוע חדשות, על כן אם אין התורה חביבה בעיניו כל יום כאלו היום קבלה בסיני ולשמוח בה כְּכַּלָּה חדשה, אז ממילא דעתו נוטה לשמוע חדשות מעבודות זרות אשר לא ידעתם עדיין והיא חדשה בעיניו, והתורה היא דיוטגמא ישנה".**

די טבע פונעם מענטש איז אז ער וויל אייביג הערן עפעס ניי, ער זוכט חיות און פרישקייט, עס איז א פאַקט. אויב וועט דער איד דאס אויסנוצן ריכטיג און טרעפן די פרישקייט און חידוש אין תורה ומצוות דאן וועט ער טאקע זוכה זיין צו די גרעסטע ברכה. אבער איינער וואס לאזט די ריכטיגע זאכן ווערן פאַרשלאָפן און נאָכגעלאזט ביי איהם ח"ו, די תורה ווערט ביי איהם ווי א דיוטגמא ישנה, דער וועט אטעמאטיש אנהייבן נאָכצוויאָגן כל מיני פרעמדע זאכן, און עס קען זיך דערקייקלען ביז צום ערגסטן רח"ל, אלעס פאר די איין סיבה ווייל דאס זענען זאכן "אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם" זאכן וואס ער ווייסט נאכנישט, עס איז נאך ניי צו איהם און עס קוקט איהם אויס אינטערסאנט, און ממילא וועט דאס איהם בהכרח ציען און אראָפּשלעפּן אהין ח"ו.

אין אנדערע ווערטער, דער מענטש לעכצט פאר עפעס נייעס, אזוי איז זיין טבע און זיין מציאות. אויב נוצט מען דאס אויס דארט וואו מען דארף, דאן ברענגט עס ברכה, שמחה, און סיפוק. אבער אויב נישט וועט די טבע זיך שטארקן אויף איהם און שטופן צו גיין זוכן אנדערע סארט נייעס און פרישקייט, ער וועט פראבירן צו שטילן זיין דארשט מיט שטותים והבלים, און צומאל מיט עבודה זרה און כל דבר אסור ח"ו.

היוצא לנו, יעדער מענטש איז א מבקש, ער זוכט פרישקייט, ער וויל האבן נייע זאכן, אבער משה רבינו זאגט אונז אז די ברירה איז אונזערע הענט. ר' איד אדער ווערסטו א מבקש פונעם אייבערשטן און דו געפונסט דארט חידוש; נאָך תורה, נאָך חסידות, נאָך מוסר, נאָך השקפה, נאָך ערליכקייט און איידלקייט. און די זעלבע איז אויך לגבי די פליכטן פונעם חיי היום יום, זיך מער באַקענען מיט דיינע קינדערלעך, מער באקענען מיט דיינע עלטערן, דיין שטוב, דיין שלום בית וואס דארט וועסטו האבן די גרעסטע גליק אויף די וועלט. ווייל אויב מען טרעפט עס נישט דארט, זוכט מען עס אין אלע סארטן 'אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם' וואס זענען די פארקערטע פון גוט.

דערפאר איז אונזער תפקיד אויסצוּוועלן די וועג פון ברכה, וואס זעטיגט באמת דעם נפש פונעם מענטש און ברענגט איהם די גרעסטע מאָס צופרידנקייט, תכלית, ברכה, און שמחת החיים.

***הוספה חשובה:*** בייגעלייגט אינעם דערנעבנדיגן גליון איז א הערליכע בריוו וועלכע גיבט אונז א שטיקל בליק און ביישפיל וויאזוי מען קען טרעפן א חידוש און התחדשות אינעם סידור'ל און אין עבודה שבלב זו תפילה, ליינט און האט הנאה.

לסיכום געדענק:

- דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטש אז ער דארף האבן נאר דעם טויש און יענעם טויש און אלעס וועט זיין גוט, דער מענטש פאלט אריין אינעם אייביגן לויף צו זוכן דעם חידוש...
- רוב פון אונזערע 'עכטע / אמתע' זאכן קענען מיר נישט טוישן און באקומען נייע דערפון. די עבודה איז צו טוישן די אייגענע אויגן און די געפילן דערצו און טרעפן די התחדשות דעריין.
- בכל יום יהיו 'בעיניך' כחדשים, דו דארפסט טוישן דיינע אויגן און בליק, דאן ווערט עס כחדשים. די אנדערע מהלך איז נישט קיין אפציע.

# א לעבטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com

בס"ד

# א הערליכע בריוו

**איבערגעזעצט פון ריינע און לויטערע דברים היוצאים מן הלב**

**געשריבן געווארן דורך א חשוב'ער בעל תשובה שיחי'**

צו מיין טייערע סידור'ל,

מיט א צובראכן הארץ שרייב איך דיר דעם בריוועלע, נאך זיבעצן יאר זיין צוזאמען.

איך געדענק נאך גוט דעם טאג וואס מיר האבן זיך דאס ערשטן מאל באגעגנט - געווען בין איך אין ארץ ישראל אלץ א ניינצן יעריג יוגענטליכער - ארייגקומענדיג אין מיין שלאף צימער ביסטו דארט געלעגן רואיגערהייט אין א פעקל וואס איז געשיקט געווארן צו מיר דורך א קירוב ארגעניזאציע - מיין ערשטער סידור'ל.

פון אנפאנג האב איך נישט געוואוסט ווער די ביסט און וואס מען טוט מיט דיר, דיינע ווערטער זענען צו מיר געווען פרעמד און אומבאקאנט, אבער צוביסלעך איבער די יארן זענען מיר געווארן נענטער און נענטער.

סידור'ל טייערע, גאר אסאך זענען מיר צוזאמען אדורך, דו ביסט געווען מיט מיר געווען אין שולע און אויך געטוהן באגלייטן ביים גראדואירן, ווען איך האב געמאכט די החלטה אז ס'איז צייט פאר א טויש, ס'איז צייט צו נעמען א טריט נענטער צום בורא עולם און שמירת התורה ומצוות, ווען אלעס איז נאך צו מיר געווען פרעמד און ניי, באקענענדיג זיך מיט אידישקייט און מיט וואס א אמת'דיג לעבן מיינט, האסטו מיך אונטערגעהאלטן, דו ביסט מיט מיר מיטגעשטאנען פעלזן פעסט, ביסט געווען מיין חיזוק, און ווער רעדט נאך שפעטער דורכאויס מיינע לאנג פארצויגענע שווערע שידוכים יארן...

ווען די פרייליכע מינוט איז ענדליך אנגעקומען, ווען איך האב מיטן הילף פון השי"ת געטראפן מיין זיווג ביסטו דארט אויך געווען, סידור'ל טייערע געדענקסו נאך מיין יום החופה?! ווען איך האב דיר פון מיינע הענט נישט געקענט ארויסלאזן, זייענדיג איבערגענומען מיט מיינע ווארעמע געפילן געמישט פון הודאה, ובקשה, שמחה און תשובה... געטראכט, געבעטן, געהאפט אויף מיין צוקונפטיגן לעבן נישט וויסענדיג וואס ערווארט מיר, די פלעקן פון מיינע הייסע טרערן זענען עדות ווי שטארק נאנט מיר זענען יענעם טאג געווען.

דו האסט מיט מיר דורכגעלעבט די גוטע צייטן פונקט ווי די שווערע, ווען ס'איז מיר געגאנגען גוט און ווען ס'איז געווען שווער, זיצנדיג ביים קראנקן בעט פון מיין באליבטע אומפארגעסליכע מאמע בעפאר זי איז געקומען צו מנוחת עולם לחיי עולם הבא, דו האסט מיך נישט פארלאזט ווען פאר איבער א יאר צייט האב איך פארלוירן מיין פרנסה און זיך שטארק געמוטשעט, און אויך דורך די ביטערע טעג ווען צוזאמען מיט מיין טייערע אשת חיל האבן מיר פאר לאנגע יארן געהאפט און געווארט פאר זרע של קיימא.

קיין ליגענט וועל איך דיר נישט זאגן - אז דורכאויס די שווערע צייטן איז מיר נישט גרינג אנגעקומען דיך צו נעמען אין די האנט אריין, אבער טאקע אין די טעג האסטו מיך געלערנט און באקאנט געמאכט אז ס'איז דא א בורא עולם אויף די וועלט, דו האסט ערוועקט מיין הארץ אז מיר האבן א געטרייע טאטע אין הימל, אמת טאקע אז ווען איך האב דיך גענומען אין די

האנט בין איך געווען צובראכן און שוואך אבער ביים דיך ארעפלייגן בין איך געווען שטארק און פיל מיט קוראזש, מיט דיר זענען די שווערע צייטן געווארן א מיטל מיך צו ברענגן העכער און נענטער.

סידור'ל טייערער אויך ביסטו מיט מיר מיטגעשטאנען אין מיינע פרייליכע מאמענטן ווען איך האב זוכה געווען צו האלטן אין מיינע הענט נישט איין נאר צוויי טייערע נשמה'לך, פילע צייכענעס פון פריידיגע טרערן איז דא אין דיר אלס אנדענק פון יענעם גליקליכער צייט ווען די אויסגעבעטענע קליינטשיגע שעפעלעך האבן ערשיינט אויף דער וועלט, סידור'ל געדענקסט אז ביים ברית ביסטו געווען דער צענטער פונעם שמחה?! ווען איך בין געשטאנען ארומגענומען מיט מיינע קרובים און גוטע פריינט ביסטו געווען דער סידור'ל וואס איז געלעגן אין מיין האנט, אין דיר האב איך געזאגט ברוך אתה ה' להכניסו בבריתו של אברהם אבינו... צוזאמען האבן מיר געפלאכטן דעם נייעם רינגעלע אינעם לאנגן קייט פון עם ישראל.

זייענדיג צוזאמען אזויפיל יאר, האסטו שטענדיג פונקטליך געוואוסט וועלכע תפילה מיר אויפצומישן, האסט געוואוסט וואו מיין הארץ שפירט זיך נענטער און וואו איך לאז א קרעכץ, האסט טייער געהאלטן די אלע הגהות וואס איך האב צוגעשריבן אין די ערשטע פאר יאר פון אונזער פריינדשאפט וועלנדיג בעסער פארשטיין דעם אינהאלט פון די תפילות.

אבער מיט די צייט האסטו זיך פארעלטערט, דיינע זיסע בלעטעלך זענען צוביסלעך געווארן פארנוצט און אפגעריבן, שטענדיג האב איך דיר פרובירט צו פארבינדן און פאריכטן, גלייב מיר כ'האב באמת פרובירט, בלעטלעך זענען ארויסגעפאלן און איך האב זיי געהאלטן אין איין צוריק אריין קלעבן, די קנייטשן האב איך געטוהן אויסגראדן איינמאל און נאכאמאל.

ביז ענדליך האב איך געקויפט א נייעם סידור... ס'עפנט זיך נישט צום ריכטיגן בלאט, ס'האלט זיך נישט אפען, ער ווייסט נישט וואו מיין הארץ ווארעמט זיך אן און וואו מיין הארץ גיסט זיך אויס, די קליינע צוגעשריבענע סימנים פון מיין יוגנט פארמאגט ער נישט, און אוודאי נישט די טייערע הייסע טרערעלעך, ס'שפירט זיך גאר פריש, גאר ריין, גאר פרעמד, גאר גאר פרעמד...

אבער ווען דו וואלסט ווען געקענט רעדן, שטעל איך זיך פאר אז דו וואלסט מיר געזאגט אז עס איז צייט זיך פאראויס צו ריקן, ס'איז שווער אנצונעמען א פריש קאפיטל אין לעבן, אבער ר' איד ס'איז צייט צו גיין ווייטער, איך בין זיכער אז די וואלסט מיר געזאגט הויעך און קלאר ברידער טייערע נעם אלעס וואס איך האב דיר געלערענט, גיי אין די וועגן וואס איך האב דיר געוויזן און פארבינד דיך מיטן בורא עולם, וואלסט מיר געזאגט אז די הייסע טרערן בלייבן נישט אויף די בלעטעלעך זיי גייען ערגעץ אסאך העכער, און די צוגעשריבענע סימנים זענען פארקריצט ביי אונזער טאטע דער מלך העולם... סידור'ל מיט דיין הסכמה וועל איך ווייטער ניצן דעם נייעם, אבער פון דיר וועל גענצליך נישט פארגעסן, נאר איך וועל דיך פלאצירן דא אינעם ספעציעלן ווינקעל אין מיין שאפע, און ווען איך וועל ווילן אויפמישן מיין לעבנס געשיכטע, ווען איך וועל זיך וועלן דערמאנען ווי א דאווענען דארף אויסקוקן, וועל איך דיר קומען באזוכן מיין אלטער גוטער פריינד.

א הערצליכן ישר כח פאר די ווארעמע טיפע זכרונות פון גאנצע זיבעצן יאר סידור'ל.

**מיט פיל ליבשאפט, דיין טייערע ידיד**